1922.

פ״ה זעלבסט

גבאי הערמאן

# שנת תרפ״ג

מוצאי יום כפור י׳ תשרי

October. 2.

# תפארת ירושלים

עלקשין איף אפיסערס

אמיטינג איז אב גיהאלטען גיווארין אין שוהל פרעזידענט שמחה שמואל זעלבסט.ווייס פרעזידענט בן יחואל הערמאן פינאנץ סעק׳ יקאהן, רעקאר׳ ד׳ גאלדבערג, טרעזשורער משה דוב באגאניצקי, טראסטיעס 1. ילעווינסאן, 2. זאדינאווסקי, 3. פינסקי.

אבריכט אז עס איז קעלקטעט גיווארין ערב יום כפור 900.50. דער חזן מיט דעם קווייער 100.60 דאלער דער אינווילאפס קאפיין האט אריין גיבראכט אין דער שוהל 103. דאלער יוסף פינסקי האט איין גילאדען אלע מעמבערס פין דער שוהל. צו זיין שמחה פין דעם סיום התורה. וואס וועט שטאטפינדען זונטאג יום א׳ ר״ח חשוון, אין אזוי וויא עס האט זיך גיגרינדעט אין מאנטריאל א ועד העיר. אז זיא זאלען אכטיג געבין אויף אלע ת״ת האבען מיר אויך אפוינטעט א קומיטע פין (דרייא.) מיט א קערדענשיל אין נאמען פין שטעטיל וועגין דעם אינטערעס פין אינזערע ת״ת אז מען זאל ניט אלע מאהל סטאפין צו שיקען קיין לערערס צו לערנען מיט דיא קינדער

איש תם וישר שהלך בדרך ד׳
נפטר כ״ג ח׳ חשון
שנת תרפ״ג
יעקב קאפיל קאפלאוויץ בר׳ אייזק חיים
November 14. 1922
תנצב״ה

## א מיטינג אין שוהל
כ״ו ראש חודש טבת תרפ״ג JANUARY 14, 1923.

עס איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל פענטטין דיא שוהל. אין עס איז באריכטעט גיווארין אז מען וויל 60 ביז 100 דאלער בלויז פאר דער ארבייט. אין דיא שוהל ווערט גיפענטעט פאר דער פרייז אויך איז רעפארטעט גיווארין אז דער בקור חולים צוהלט יעדען איינעם. ווען ח״ו ער איז קראנק זיין בענעפיט אן שווייערקייטין

אקומיטע פין דיא שוהלען איז ערוועלט גיווארין צום ועד רבנים אזוי וויא מיר באלאנגען אויך צום וועד העיר זאל מען דיא פעפינא ת״ת עפינען דער ענטפער זייעדער איז געווען אז מען זאל געבין 50 דאלער

א אמתער גישיכטע וואס עס האט זיך אב גיטוען אין אינזער כרח פעפינא זעה אויף דעם צווייטין זייט דף ס׳

מעמבערס אויף גינומען דוד פינסקי. אליה אראהנסאן, אפרים קאזעשטיין, זלמן דאמבראווסקי. משה ליטוואקי חיים קרעפאק. יחזקאל ליטאווסקי.

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
צ״ת
ROSSLAND

נעשה ע״י יחואל הערמאן

| | | |
|---|---|---|
| **פרעזידענט זעלבסט** | **תפארת ירושלים** | **גבאי הערמאן** |
| סעקרעטער | **שנת תרפ"ג 1923.** | טרעזשערער |
| **ד' גאלדבערג** | זונטאג יב' ר"ח סיון May 19 | **ש' באגניצקע** |

באמרקידיג אַ שטיקיל פאסירונג וואס עס האט אב געשפיגילט אין אינזער היימישין שטעטיל כְּרַח פאפינו
אזוי וויא עס האט שוין עקסיסטירט א וועד העיר אין מאנטריאל איז יעדערער יוד געוועזן דער חוב צוקפען פלייש
נאר פין דעם באטשער וואס באלאנגט צום וועד העיר אין ספעשיל אין פאפינו, ווייל אלע ת"ת זענען געשטיצט געווארין
פין דער פלייש פראגע אויך אין פאפינו האבען אלע געקויפט נאר דיא פלייש פין וועד העיר. דא מיזען מיר דער
מאנען אַ (מעשה שהיה) אין יאהר תרפ"ב איז געקומען א מאן צו דער וועד רבונים מיט אלטע אלעס געוועזענער רב פין
פאלעסטיין. און אויך אלעס שו"ב, און אזוי וויא זיי האבען ניט געהאט קיין פאסענדען פלאץ פאר דעם מאן אז ער
זאל קענען מאכען אשטיקיל לעבען. האבען זיי עס געשיקט קיין פאפינו אלעס לעהרער אין ת"ת (ויהי היום)
איז דער מאן געקומען אין פאפינו אלעס לעהרער, און ער האט געלערנט מיט דיא קינדער, פערשטייט זיך אז מיר האבען
פראטעסטירט אז ער זאל זיין אלהערער, ניט ח"ו ווייל ער איז געוועזן אגרויסער חכם. נאר ווייל ער איז געווען אגרויסער
בַּטְלָן, ער האט געקריגען 7 דאלער אוואך פין דיא רבנים ער איז אויך געוועזן אַשוחט עופות. און ער האט פארלאנגט
אז מען זאל עס אויף נעמען פאר אַרְבָדא אין פאפינו, אגרידער אין שטעטיל אגעוואלד מען האט פאר מאכט דיא ת"ת
איין מאסמיטינג איז געריפען געווארין פין גאנצען שטעטיל, און עס איז געפאסט געווארען אז מיר זאלען מאכין שבת
פאר זיך אליין, און אזוי וויא עס איז געוועזן 3 באטשערס. דייוויס. ראטשטיין. גרינבאהם, און אַ רַב מיט דעם נאמען
אשכנזיזה און 2 האלסעלערס. פינסקי, ליטאווסקי. אז דאס שטעטיל זאל אליין מאכען פאר זיך א וועד הכשרית
און מען זאל טעקסין, איין סענט אויף יעדען פונט פלייש וואס עס ווערט פאר קויפט ווערין: און דיא געלט זאל זיין אן
צו האלטען דעם רב, און דער ת"ת' משגיח דער רב, אשטארקע עקספירענס קומיטע איז געמאכט געווארין אז זייא זאלען
אנגיין מיט דער ארבייט. יעדער קַצָב האט געדארפט געבין 1 סענט פין יעדען פונט בָשָר עס איז אן געגאנגען אין בעסטין ארדינונג
עס איז געוועזן געניהג אויס צו האלטין דיא ת"ת, און דעם רב שְׂכִירוּת 10 דאלער אוואך, און אזויא וויא איין איז בעוויסט
דיא 3 באטשערס אלע ערליכע, מיט נעמען (ד'. ר'. ג') און איר אלע קענט זייא גוט. מַעֲשֶׂה שָׂטָן איין באטשער
האט אן געהויבען אינטער צו הינקען, יעדע וואך מיט 5 אדער 6 אדער מעהר דאלערס אזוי לאנג ביז דער חוב איז געוועזן 60 דאלער 100 דאלער
מיסטער ד' וואס הערט זיך מיט דעם, מיר פאר שטייען ניט איר קֻרֶב נעמט פין יעדען פונט בשר אַ סענט אבער רעט וויפעל......
פאר שטייט זיך אז דיא געלט האט אויס געפעלט אן צו גיין מיט דער אינזערע גיטע ארבייט. מ' ד' געלט רעט ער זיך דער וואנט
דער רב האט געפאדערט שכירות, און דער שיינער בַעַל בָּוֹעֶת מ"ס ד' האט זיך געמאכט פין דעם אלעס איין צימעס

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROBBLAND

מ׳דערציילט, אמאל זיינען געזעסן
צוויי ישיבה־בחורים אין וואלאזשינער
ישיבה און געקלערט: צי איז פאראן
אַ ישוב אויפ׳ן שטערן „מאדים״
(פלאנעט מארס.) צי איז ניטא קיין
ישוב? – זאגט איינער: איך קאָן
שווערן ב״י אַ ספר תורה, אז אויפ׳ן
מאדים איז ניטא קיין ישוב.!
פרעגט אים דער חבר: – וואס ביזטי
אזוי זיכער? ענטפערט יענער:
– ס׳א פשוטע זאך! ווען אויפ׳ן
מאדים זאל זיין אַ ישוב, וואלט שוין
וואלאזשין לאנג געשיקט אַ „משולח״
אהין צו קלייבן געלט.....

אַ חזן האט ליב געהאט צו דרייהען
מיט די ווערטער, אז ער פלעגט קומען
צו „דוד בן ישי״ און דאן, „~~[illegible]~~״
„ישי בן דוד״ נאך דעם דאווענען
קומט צו אים צו אַ איד און פרעגט:
חזן לעבען, מעג איך וויסען ווער
איז טאקע דער טאטע, און ווער
דער זוהן?...

1923,
ט׳ ר׳ תשרי
September 19,

# תרפ״ד
## פרעזידענט
# גבאי תפארת ירושלים זעלבסט
## פינסקי

אַ דזשעניראל מיטינג איז אב גיהאלטין געווארין אין שוהל יום כפור אין אובנד. אין דער סעקרעטער האט פאער גילעזין דעם באריכט פין איינאמע אין אויס גאבע פין ראש השנה אין יום כפור, דער קלעקשין איז געוועזן 53.5 דאלער 1000 דאלער, אין עס איז פאער גיקומען די עלעקשינס, מ׳ זעלבסט פרעזידענט. פינסקי גבאי. עס איז ארים גירעט די פראגע פין דער ת״ת. וויל איבער די מחלוקה פין איין מאן, איז די ת״ת גיוועזן אין א קריטעשע לאגע וויל די גאנצע איינאמע פין די באטשערס איז אב גישטעלט געווארין. עס איז באשלאסען געווארין אז די שוהל זאל ערוועלין 10 לייטע פין דעם דזשענעראל מיטינג אלעס קאמיטע אז די 10. קאמיטע לייט זאלען זעהען, אין האבען די אויפזיכט איבער דעם בנין אין די קאמיטע איז גלייך אויס ערוועלט געווארין פינסקי [1] טריהוב [2] מאלקאוויטש [3] הערמאן [4] זאדינאווסקי [5] מ׳ וויסמאן [6] קאלאוויטש [7] קאוושאוו [8] שעכטער [9]

# אַ מיטינג אין שוהל

י׳ חודש כסליו, תרפ״ד November 25, 1923

עס איז פערהאנדילט געווארין אז מען זאל מאכען אַ חנוכה פעסט וואס שענער אין וואס בעסער ב׳ פינסקי האט גימאכט אפער שלאג אז מען דינגען א חזן אויף שבת חנוכה אין זונטאג אַקאנצערט די שוהל האט פראפיטיערט 33 דאלער. אין דער יאהרס פעסט דער (אין געוועזן) שענסטער אין אלע היניזיכטען די שוהל איז גיוועזן פוהל מענשין ב׳ ישראל כאהן האט גימאכט איין אַפיל צו אלע מעמבערס וועגין געלט אין עס איז גלייך דענעטעט געווארין א סומע פין 53 דאלער } דאס מיינט 33 ד׳ פין שבת אין קאנצערט } אין 53 ד׳ פין חנוכה פעסט

# די קומיטע פין דער סעמעטירי

1924, April 20,

אבריכט איז אריין גיקומען פין ב׳ לעווינסאן אז ער איז גיוועזן אין באראן דיהירש אין עם גיפראמעסט צו פאר קויפען איין עקער לאנד פריין 4000 עס איז גלייך ערוועלט געווארין אקומיטע פין נאך 3. פינסקי זעלבסט יכאהן, אין זייא זענען אלע גיגאנגען צו דער באראן די הירש אין זייא האבען גיקויפט דעם עקער לאנד פאר אסעמירעטי, מיט איינצולעכץ 500, אין פעמענט אין אזוי וויא עס איז ניט געווען גינוג געלט אין דער טרעזשערע, האבען די פערזאנען אויס גיליען 2.500, פעמענט

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| מ׳ זעלבסט 25 דאלער | מ׳ ראובן פינסקי 25 דאלער | מ׳ משה פינסקי 25 דאלער | מ׳ יוסף פינסקי 30 דאלער | מ׳ מ׳ וויסמאן 25 ד׳ |
| מ׳ קאוושאוו = | מ׳ ד׳ גאלדבערג = | מ׳ מאטיס ליטוואק = | מ׳ גראסס 15 = | |
| מ׳ זלאטניקאוו = | מ׳ זעלצער = | מ׳ יחואל הערמאן = 25 ד׳ | מ׳ גוטנטאג 10 = | |
| מ׳ אב ערפילד = | מ׳ ראובן מארקאוויטש = | מ׳ ראמאף = | מ׳ י קאהן 10 = | |

קהלת תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
צ״ח
ROSSLAND

# אין אַ פרייטאג פ׳ שופטים

ו׳ אלול תרפ״ג, האט דער רב אינזערער משגיח גיכאפט
אגיוויסען באטשער וואס ער האט גיקויפט דריא גיהארגעטע קעלבלעך
פין א פארמער, אין דער שיינער איד האט דאס צי האקט אויף פערשידענע
שטיקער........ עס איז גיווארין א טימעל אין שטעטיל, דער רב האט
גיאסערט דעם באטשער .... דיא קומיטע פין אינזער וועד הכשרית האט עס
גישטרפירט מיט 25. דאלער אין אזוי וויא ער איז גיוועזן שילדיג 60, 100, אין דיא 25.
ס׳ה׳ 85 דאלער, 100 דאלער האבען מיר גיפאדערט דיא געלט ווייל דער עקסטענץ פין דער
ת״ת האט זיך אויף גיהאלטין נאר פין דיא סענטין, אבימערקינג אז דיא אנדירע צווייא
באטשערס זענען נאך גיקימען מיט אלע פעמענס ריכטיג.... אבער לײדער דער
כַּצָב האט ניט גיוואלט געבין קיין געלט סיידין אז מען זאל מיט עם האלטין
א דין תורה בייא דעם רב ראזענבערג דיא פען קען ניט אזוי פיל ארויס
שרייבין וואס עס האט זיך אב גיטוהן בייא דעם רב אין הויז, דיא שטאעט
פאפינו האט ערוועלט 7. לייטע, אין דער כצב האט אויס גיקליבען קאם
2. לייט וואס זאלען עם פארטיידיגען דער סוף איז גיוועזן אז דער
תַכְשִיט האט פאר שפילט אין דער רב ראזענבערג האט אינז ארויס
גיגעבין אפסק דין אז ער דארף באצוהלין דיא געלט ווייל עס באלאנגט
צו דער ת״ת... אין ער האט אלץ ניט גיוואלט געבין קיין איין סענט
עס האט זיך גימאכט א מחלוקה איבער דעם תכשיט אין דיא ת״ת
האט זיך גימזט פאר מאכען

# תרפ"ד ו' אלול 1924, Septem. 5.

דער קניון פון דעם בית עולם איז געווען זעכס טעג אין ראש חדש אלול
פאר דעם פרייז פון אסומע 4.000 פאר גאנצען עקער לאנד אין קאטשעוויל סעמעטירי
פון דער באראן דיתירש איין גיצואהלט 1000. אויף אכט יאהר דיא באלענס אויס צי צואהלען
אבריכט איז אריין גיקומען פון ב' קאהן אז דיא מיילענדער שוהל פעלי צדק, וויל פון אינזערע שואהל
אב קויפען איין האלבען עקער לאנד. דעם פרייז פון 2000, אין סעטלסעל איז גימאכט גיווארין. פאר דער
דעם פרייז פון 2000 דאלער אין זייא האבען איין גיצואלט 500 דאלער

## אמיטינג

עס איז באשלאסין גיווארין אז מען זאל מאכען א חנוכת הגדר. אין ט"ו אלול
דער חנוכת הגדר. דיא צערמאני האט גימאכט אויף יעדען איינעם אטיפען איינדראק אין מוח אין דער נשמה
דער חנוכת הגדר האט אריין גיבראכט דיא סומע פון ריינעם פראפיט, 83 דאלער 900 דאלער 206 דער ערשטעה פון דיא סעמעטירי פון
גישטארבענע איז געווען אפרויה מיסעס זילבערשטיין

## אמיטינג אין שוהל תפארת ירושלים

כב' אלול
September 21,

עס איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל דינגען אחזן מיט אקווייער. אויף ראשהשנה אין יום כפור אין סוכות,
אפאער שלאק איז אריין גיבראכט גיווארין. אז יעדערער מעמבער וואס וויל באלאנגען צו דיא סעמעטירי
מיז צום אלעס ערשטין גוט מאכען זיינע שולדען צו דער שוהל וואס ער איז שילדיג. אין אויך מיז
ער געבען 10. דאלער פאר דער סעמעטירי. אין עס איז ערעוועלט גיווארין אפיסערס פאר דער סעמעטירי
אז זייא זאלען פארוואלטין דיא גאנצע ארבייט פון דער סעמעטירי. סייא דיא געלד פראגע, אין סייא אנדערע
הינזיכטען **אפיסערס** י' פינסקי פרעזידענט, סעקרעטער קאוושאוו, טרעזשערער סילינג. הערמן, טריהוס
מאלקאוויטץ, זעלבסט. דיא סעמעטירי זאל פארוואנדילט ווערין דרעקט נאר פון דיא לייטע וואס דיא מאזשארטע
האט אויס גיקליבען

# די קאמיטע מיט דעם נאמען

תפארת ירושלים דראסלאנד
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ROSSLAND

# חברה קדישא

מעמבערס איף גינמען מאטעס ליטוואק, אליעזר ביג, משה פינסקי, יעקב גלאזמאן ראבון פינסקי

נעשה ע' יתואל הערמאן

6
10
18

ס״ג

# פרעזידענט קאוושאוו    יוסף פינסקי גבאי

טרעזשע׳, מרדכי ווייסמאן    טראסטיעס 1 זאדינאווסקי 3 הערמאן לעווינסאהן

תפארת ירושלים אנדריישאן תרפה 8

1924, octob. 8.

ראש חודש תשרי ת׳

שנת חמשת אלפים ושש מאות ושמונים וחמש

א מיטינג איז אב געהאלטין געווארין אין שוהל מוצאי יום כפור דער סעקריטער האט באריכטעט אז ערב יום הכפור האט די קערה ארײַן געבראכט די סומע פֿין 1000.50 דאלער. דער חזן האט גענומען 100.50 דאלער. בעל שחרית 40. דער קוויער 65.

עס איז אויף געפאדערט געווארין אז די תלמוד תורה קומיטע זאל אב געבען אבריכט פֿין אירע טעטיגע ארבייט דער באריכט איז געווען אז די רבנים געבען נישט מעהר ווי בלויס מלמדים. אין די אלע אנדערע עקספענסעס דארף די קומיטע שאפען, אין די קומיטע האט פארלאנגט אזוי ווי עס איז קילעקטעט געווארין פֿין דעם אינוועלאפ קאמפיין דעם ערב יום הכפור אסומע פֿין 13 דאלער 100 דאלער. זאל די געלט באלאנגען צו פאפינו ת״ת

א מיטינג אין שוהל

זונטאג י״ז כסלו תרפה

Novem. 14. 1925



עס איז געפאסט געווארין בייא פילע מאדזשארעטע אז דעם הייניגען יארעס פעסט זאל מען אײַן לאדען אלע קינדער פֿין דער ת״ת צום חנוכה פעסט אין אגוטען רעדנער וואס זאל קענען רעדין אין ענגליש. אין אויך זאלען די קינדער בענטשין חנוכה ליכט

תרפה טבת ח׳

1925, Jan. 4.

אבריכט פֿין דער קומיטע וואס זיי האבען אטענדעט דעם יום טוב חנוכה זונטאג דער זיבעטער טאג חנוכה די קינדער אין שוהל, אלע קינדער אין יומטיוועטיקע קליידער. דער רבי מאכט שטיל מיט רעספעקט שטעלין זיך אלע קינדער אויף דער מעשינער חנוכה לאמפ שטייט מיט זיינע ז׳ בנים שטאלץ אין ווארט אז מען זאל זיך מיט עם מסעסוק זיין. אין אקליין יונגעלע בענשט די חנוכה ליכט, אין אלע קינדער זינגען אקווייער (מעוז צור ישועתי,) אין די לערעס האלטען פיינע רעדעס פאר אלע קינדער, ספעשיל איז געגרייט שיינע געווארין טישען מיט פרשמענס פאר אלע קינדער די צערמאני האט זיך געפינישט 5, אזייגער אין אבנד. 8 אזייגער אין אבנד האט זיך אנגעפאנגען דער יארעס פעסט עס איז געווען די שמחה אזוי גרויס אין לשער מען האט זיך געווינשען לשנה הבא בירושלים עס ארײַן געקומען דאלער 65 פֿין חנוכה פעסט

קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים ראסלאנד צ״ת CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ROSSLAND

יעקב צבי בר מרדכי אברהם מארקאוויטש
נפ׳ ז׳ ר״ח תשרי תרפה
תנצבה

נעשה יחואל בן מנחם העזמאן כ״ץ

## פאַר ענטפערט אַ קשיא...

צום וואלקאוויסער רב, ר׳ ברוך מרדכי, איז אמאל גאנגען פרי אריינגעקומען דער "שייגעץ" פון שטאט, און ווי זיין שטייגער איז געווען, גענומען רעדען, מיט גרויס חוצפה און עזות קעגן רב. דער רב האט אַ שמייכל געטאן און געזאגט: "אַדאנק, איר האט מיר פארענטפערט אַ קשיא", פרעגט דער עזות פנים: "וואס פאר אַ קשיא, רבי?" מאכט דער רב: מיר זאגען אלע אינדערפרי די תפלה: "יהי רצון שתצילנו היום ובכל יום מעזי פנים" — דער איבערשטער זאל אונז מציל זיין היינטיקן טאג — און יעדן טאג פון עזות פנים׳ער — איז מיר געווען תמיד קשה: צו וואס די ווערטער "ובכל יום" — יעדן טאג — מיר זאגען דאך סיי־ווי די תפלה יעדן מארגען? אבער איצט פארשטיי איך שוין, פארוואס מ׳דארף בעטן היינט אויף מארגען אויך: — עס קען דאך טרעפן אז מארגען זאל גאנצפרי, נאך פאר דעם דאוונען קומען, חלילה, אַן עזות פנים, אט אזא ווי די,

## פון רבינ׳ס וואנדער

אַ רבי מיט אַ גבאי זיינען געקומען פון וועג, דערצעהלט דער גבאי אַ נס פון רבי׳ן, אז זיי זיינען דורכגעפאהרען אַ דאָרף זיינען אַ סך שקצים׳לעך ארויסגעלאפען זיי אנטקעגען. און גענומען באווארפען זיי מיט שטיינער; — נאר אזוי ווי זיי האבען אויפגעהויבען די הענט נאך מעהר צו ווארפען, האט דער רבי אויסגעשריען: "כָּאָבֶן אַדְמוּ זְרוֹעֲךָ", און זיי האבען ניט געקענט אַ ריהר טאהן מיט קיין גליד. — אַ מתנגד, וועלכער איז דערביי געשטאנען און צוגעהערט, ווי דער חסיד האט דערצעהלט, האט אַ פרעג געטהאן? — ווי קומט עס, וואס ביים רבי׳ן איז געשוואלען אַן אויג? האט דער גבאי געענטפערט: — איין שייגעצל איז געווען אַ טויבער, האט ער ניט געהערט דעם פסוק, וואס דער רבי האט געזוגט,

סד' 1925. 1925.

תרפ"ה

# תפארת ירושלים

פרעזידענט קאוושאוו

גבאי פינסקי

שנת חמשת אלפים ושש מאות ושמונים וחמש

פ' בשלח ו' ראשחודש שבט JANUARY 31. תרפה

אמיטינג איז אב געהאלטין געווארין אין שוהל אין עס איז ארים גירעט געווארין דיא פראגע פין דער סעמיטירי. אין עס איז באשלאסין געווארין אז דער יעניגער וואס וויל ניט באלאנגען צו דער סעמעטירי, האט ארעכט ניט צו באלאנגען. עס איז אויך גיפאדערט געווארין דיא קומיטע פין דער סעמיטירי אז זיי זאלען אויס ארבייטין ראהעלס וואס באלאנגט צו דער סעמיטירי אין פאלס ווען [redacted] ח"ו ווען אמעמבער שטארבט אדער זיין פראה אדער א קינד זאלין דיא סעמיטירי קומיטע דאס אריין ברענגען אין שוהל צו א מיטינג, אין דער מיטינג דארף דאס פארהאנדלען אין גוט הייסען

## דיא ת"ת קאמיטע האלטין אן זייער מיטינגס אלע דינסטאג אבענד

אין דער ת"ת האאל

דיא פליכטען פין דער ת"ת איז געווען דיא קאמיטע האט בידארפט צו זעהען אין צו העלפין שאפען דיא פינאנציעלע סומע וואס דיא ת"ת נויטיקט זיך. אין אזוי וויא דיא קומיטע האט זיך גינויטיגט אין געלט. איז ביי דיא קומיטע פין דיא 10. לייטע גיפאסט געווארין אז זיי זאלען לאזען שרייבין א **ספר תורה**

אבריכט אז דער ספר תורה האט גיקאסט 100 $ דאלער מיסעס זיסיל זלאטניקאוו האט דינייטעט 50, דאלער פאר דער ספר דער סיום התורה איז געווען זעהר גרויסאטיג אין עס האט אריין געבראכט 300. דאלער 53. דאלען 92 סענט דיא געלד איז גיגאנגען אין גאנצען פאר דער ת"ת. דער ספר תורה איז אריין גיגעבין געווארין אין דער **שוהל תפארת ירושלים** אויף

**א קרן קימת** דער רב אשכנזי האט אריין גישקט איין לעטער אין דער שוהל אריין אז ער בעהט אלע מעמבערס אויף זיין טאכטערס חתונה. דיא שוהל האט באוויליגט 25, דאלער אלעס אפרעזענט דיא חתונה אין געווען אין ת"ת

אפאערשלאג איז גימאכט געווארין אז דיא ת"ת קומיטע זאל מען אין שרייבין זעהרה נעמען אין **פינקעס**

**דיא תלמוד תורה קומיטע**

**מרדכי טריהוב • קאוושאוו • זעלבסט • יחואל הערמאן• צבי סילינג • מאלקאוויטש**

**קאפילאוויטש • מ' וויימאן • זלאטניקאוו • ליפערמאן • זעלצער • שעפטער**

HEBREW SCHOOL OF SHARA ZION INSTITUTE

מעמבערס אויף גינומען **שכנה האפמאן • נחמיה ליטאווסקי**

HEBREW SCHOOL OF SHARA ZION INSTITUTE

ציון

ארגאניזשאן שנת תרפ״ו תפארת ירושלים 1925, תרפ״ו

פרעזידענט פינסקי גבאי זאדינאווסקי 1926,

אמיטינג איז אב געהאלטין געווארין אין שוהל אין עס איז נאך אמאהל פאראנדילט געווארין, וועגין דיא ..10. דאלער טעקס פין דער סעמעטירי וואס יעדער איינער וואס וויל באלאנגען מיז אימבידינג זיין אב גיצולהט ביז January, 16., 1924 ביז דיא צייט איז די שוהל פאראנפיטליך אין חו״ אטויטענס פאל

HEBREW SCHOOL OF SHARA ZION INSTITUTE
HEBREW SCHOOL OF SHARA ZION INSTITUTE

## כ׳ז׳ ראש חודש אדר אמיטינג

עס איז גיפאסט געווארין בייא פולע מאדזשאריטי אז יעדער מעמבער פין דער שוהל מיז צוהלען איאהר ניט ווייניגער וויא .10, דאלער ביז צודו 10 דאלער ארייין גירעכענט אלע אויס גאבע וואס ער מאכט, אין דער יעניגער מעמבער וואס באלאנגט צו דער סיק בעניפיט (בקור חולים) מיז ער ארייין ברענגען .40 סענט 12. דאלער איאהר, דאס מיינט ,10 דאלער צו דער שוהל, אין ,40 סענט ,2 דאלער פאר דער (בקור חולים)

## דיא תלמוד תורה קומיטע פורים צו דער סעודה

אקומיטע פין .8. לייטע זעלבסט אין טריהוב ; הערמאן אין לויפערמאן ; פינסקי אין זאדינאווסקי ; קאוושאוו אין קאפלאוויטש
№1 №2 №3 №4

אין דייא האבען קילעקטעט 92 סענט .60 דאלער פורים געלט פאר ת״ת, בייא דיא קומיטע לייטע איז דאס געווען אגרויסע שמחה אין לשער, **דיא שוהל האט גישפירט דעם גרויסען לאסט פין דער ת״ת** אין אז מען האט פארלאנגט פין דעם (בית שני) אז דיא משא איז צו גרויס פאר אינזערע שוהל, אין זיי דארפין אויך העלפין, אבער לייעדער איז געווען (והתעלמת) נישט מיט קיין פינאנציעלע שטיצע, אין ניט מיט קערפיליכע שטיצע

## שבועות

די אלמנה מ׳ וויינשטיין האט געשענקט יריעות אויף א ספר תורה

HEBREW SCHOOL OF SHARA ZION INSTITUTE

## אמיטינג ראש חודש י׳ב׳ אלול August 22.

עס איז גיפאסט געווארין אז מען זאל דינגען **אחזן** אויף ראש השנה אין אויף יום הכפור אין אויף סוכות אבריכט אז מ׳ פינסקי איינער פין דיא קומיטע פין חזן, אז דיא קומיטע האט גידינגען דעם חזן גרייעווסקי פרייז ,100.50 מיט אקווייער ,10 ,200. בעל שחרית לאיעזר ביק פרייז ,30

תפארת ירושלים CONGREGATION TIFERES JERUSALEM ציון ROSSLAND

מעמבערס אויף גינימען ישראל עפשטיין, משה גרעלניק, דוד טילנער

# איִדעשע מוטערס און זיי'ערע קינדער

איידער גאט האט באשלאסען צו געבען די אידען די תורה, האט ער געזאגט צו משה'ן: — —
משה, גיי פרעג די אידעשע פרויען אויב זיי וועלען צושטימען, ווארעם, אז די פרויען וועלען די מענער ניט קאנען האלטען די תורה!
משה האט פארזאמלט אלע פרויען, און זיי האבען אלע איינגעשטימט צו נעמען די תורה,
האט גאט ווידער געהייסען משה'ן פרעגען:
— וואס פאר א גאראנטיע געבען די אידישע פרויען?
— מיר געבען אונזערע קינדער אלעס גאראנטיע,
— האבען די פרויען געענפערט, .... פון דאן אן זיינען אידעשע מוטערס פאראנטווארטליך פאר זיירע קינדער אז זיי דארפען האלטען די תורה עד סוף כל הדורות

---

אינזער וועלט'ל האט טאקי געמעגט האבען א שעהנער פנים

---

א איד האט איין א היימישער שטעטעל באשטעלט באשטעלט ביים שניידער א קאפטע, עס זיינען אבער אוועק עטליכע וואכען און די קאפאטע איז נאך ניט געוועזן פארטיג. דער איד פלעגט קומען צום שניידער אלע טאג פרעגען אויף דער קאפאטע, אבער דער שניידער האט זיך ניט געאיילט, — סטייטש — רופט זיך אפ דער איד — דער רבונו של עולם האט אין איין וואך צייט באשאפען א גאנצע וועלט, און איהר האט אין עטליכע וואכען צייט נאך קיין קאפאטע ניט באוויזען אויפצונייען, — אזא פנים האט טאקע די וועלט — האט אויף דעם געענטפערט דער שניידער.

# פרעזידענט טריהויב תרפ"ז קאנגרעגיישאן
# גבאי הערמאן 1927 ציון 1926 תפארת ירושלים

אמיטינג אין שוהל עס איז באריכטעט געווארין אז עס איז אריין געקומען ערב יום הכפר צו דער קערה 900. 60 דאלער. אין דיא שוהל האט באדאנקט דעם חזן דער חזן גרייעווסקי מיט זיין קייווער האט געקאסט 200. 10 דאלער דאלער
פאר זיינעם גוטען אין געשמאקען דאווענען אבריכט פין דער ת"ת קומיטע. אז די יונטשטעט ת"ת האבין זיך אינטער גענימען צוהלען דיא טעקסעס פין דער ת"ת אין אויך אנדערע עקספענסעס וואס עס איז נויטיג

## טו' כסלו חברה קדישה סעודה

דיא סעודה איז גיפראווועט געווארין אין שוהל. צו דער סעודה איז איין געלאדען געווארין עטליכינע בעל הבתים אין מען האט אויך נישט פאר געס'ן צו דער מאנען דיא פערשטארבינע ברודער פין אינזערע שוהל, דער עולם האט גוהגט פערגניגען סיי אין רוחניות, אין סיי גשמיות

## א חנוכה פעסט אין דער תלמוד תורה

January 1, 1927 ז' טבת תרפ"ז

דער יערליכער חנוכה פעסט איז גיפראווועט געווארין אין דער ת"ת האלל סיי פין מענער אין סיי פרויען מיט קינדער. אין אונ איינטרעט געלט. נאר אזוי וויא עס איז געווען פריי דינייישענס. איז אריין געקומען קעש 87 דאלער דער חנוכה פעסט האט געקאסט 36, דאלער

זונטאג י"ח ראש חדש ראשון 20, February

אלעטער איז אריין געקומען אין שוהל. אז מען זאל שיקען צוויי דילעגאטען מקבל פנים זיין דאקטער חיים וויצמאן. אין מאנטעראל האטעל. דיא שוהל האט געשיקט צוויי לייטה. טריהויב אין קאהן באמערקונג, אז חיים וויצמאן איז געווען אין מאנטריאל וועגין קרן היסוד August 18,
מ' דיימאנד איז געקומען צו אינזער מיטינג פין שוהל אין האט פארלאנגט אז דיא שוהל זאל עס אויף נעמען פאר איין שוחט (זיין שוואגער) אין דער מיטינג האט דאס קריג געוויזען. ווייל זיין שוואגער דער שחט מ' איינהארען איז געווארין אמעמבער אין דער שוהל חברים כל ישראל אין ער האט גגעבין צו דער שוהל 100 דאלער, עס אויף גינימען געווארין א חזן ו אויף ימנר"א

תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
ROSSLAND

## אַ סופר ביי טאג, און בעקער ביי נאכט

אין דער שטאט וואו ר׳ מאיר פּרעמישלאנער איז געווען רב, איז געווען אַ סופר, וועלכער פלעגט בייטאג שרייבען סופריש, און ביינאכט העלפען דער וויב, באקען ברויט צום פארקויפען, וויל ער פלעגט זיין אויף : גאנצע נעכט, איז ער געווען בייטאג פארשלאפען, און פלעגט מאכען פיל גרייזען אין דער כתיבה, — האט דערפאר ר׳ מאיר גע׳פסל׳ט זיין כתיבה, ווען גוטע פריינד זיינען געקומען צו ר׳ מאיר׳ן בעטען פאר דעם סופר, האט זיי ר׳ מאיר געזאגט : — וואס ווילט איהר, עס איז אַ בפירושע גמרא : ״נכתב ביום, ונחתם (אַ בעקער) בלילה — פסול״.

## מיט אין רובעל פארענטפערט ניט אזא שווערע קשיא

עס איז ידוע, אז דער באוואוסטער וויצלינג הערשעלע אסטראפאליער איז געווען אַ יוצא ונכנס ביי ר׳ ברוך מעזשבוזשער, איינמאל קומט אריין הערשעלע צום רבי׳ן אַ דאנערשטאג אווענט און ער איז שטארק פארטראכט, ״וואס ביסטו אזוי פארטראכט ?״ פרעגט איהם דער רבי. — ״עפעס איז מיר קָשֶׁה״ ענטפערט הערשעלע אסטראפאליער, איך האב ניט קיין תירוץ אויפ׳ן ״אם תאמר מה נאכל״ און אט איז שוין ערב שבת. ״דאס אליין״ ענטפערט דער רבי מיט אַ שמייכעל, ״אט האסטו דיר אַ רובעל און זאל דיין קשיא זיין פארענטפערט״, האט הערשעלע גענומען דעם רובעל, עס דערלאנגט זיין פלונית׳טע און עס איז געווען אויף שבת. ! זונטאג איז ער ווידער געווען ביים רבי׳ן, אין איז ווידער געווען פארטראכט, ״וואס איז דיר איצט קשה ?״ פרעגט ר׳ ברוך, איך האב דורכ׳ן שבת איבערגעקייט אייער תירוץ און עס איז מיר ווידער געווארען קשה״ ...

האט געענטפערט הערשעלע

1928.

# דיא שוהל תפארת ירושלים

## תרפ"ח 1928.

**גבאי**
**יחואל הערמאן**

**פרעזידענט**
**שמחה שמואל**
**זעלבסט**

אַמיטינג איז אָב גיהאלטין גיווארין אין שוהל. דער סעקריטער האט גיגעבען איין איבער בעליק וואס דיא אפיסערס האבען זיירע ארבייט ריכטיג אטענטעד. דער פרעזידענט האט באדאנקט אלע אפיסערס נעמענדיג אין איינבעטראכט דעם **ארון הקודש** וואס ב' טארקעניץ האט פרייווילינג גימאכט פאר אינזערע שוהל אלעס אפרעזענט אין יאהר 1910 אבער אין 1928 איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל דעם **ארון הקודש** פאר שענירין און פאר גרעסערין ווייל ער איז גיוועזן צו קליין ב' יחואל הערמאן האט זיך אינטער גינומען צו אטענדין. אין צו זעהען אז דער ארון הקודש זאל גימאכט ווערען שענער און וואס בעסער און ב' טארקעניץ אלעס א גוטער בעל מלאכה און זיין פאך האט גימאכט דעם ארון הקודש פארשטייט זיך אז מען האט עס באצוהלט

**חנוכת הארון הקודש**
כז' אלול
Septem. 12.

**האשה זיסעל אשת דוד זלאטניקאוו**
**נדבה שני מאות דאלר על ארון הקודש**

גיווידמעט צום אנדעיקינג פון אינזער פערשטארבענעם ברודער און פרעזידענט שמחה שמואל זעלבסט ע"ה

אלע זיינע יאהרען , גיארבייט ביטער און שווער
אללעס איז פארלוירען , קיין זיכער דער פון ניט מער
אין רעגען און קעלט . זיך ניט געקימערט פארין גיזונד
אום צו מאכען וואס מעהר געלט, פאר זיין ווייב און קינד
און איין ענדע איז גיקומען , גיענדיקט ווי יעדערער זיין לעבען
און נישט מעהר ווי זיין נאמען , איז נאך אים פערבליבען
איין פרעזידענט פון שוהל, גיאכט און גישעצט פון יעדען
זיינע פריינד פון א מוהל , גימוזט אויף עביג מיט זיי צישעידען
בעקאנט גיוועז צו יעדען עינעם , פארגעסען איז ער גישווינט
ער ווערט מעהר ניט דער מאנט פון קעינעם , פון זיין פרוי ניט פון זיין קינד
בא אינז איז פערבליבען , איין עביגער טרעיסט
אין דיזען פינקס האבען מיר פארשריבען , און יעדער עינער ווייסט
אז אללעס איז מין השמים, און מיר מוזען מיט אים זיך שעידען
און קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים, ווינשט אים זיין רוה זאל זיין אין גן עדן

יא צייט

**איש הניכבוד שהלך**
**בדרכי ד' שעוסקי**
**בצרכי צבור באמונה**
**נפטר כד' לחדש אב**
**שנת תרפ"ח** August 10. 1928.
**שמחה שמואל בר' אברהם**
**זעלבסט**
**תנצב"ה**



גן עדן

# תרפט 1929

## תפארת ירושלים שוהל

סעקריטער קארזענשטיין | צבי הערש ראזען סילינג פרעזידענט | גבאי יחזקאל הערמאן

אמיטינג איז אב געהאלטין געווארין אין שוהל, די תלמוד תורה קומיטע באריכטעט אזוי וויא דיא יוניטעט ת״ת האט זיך אינטער גינומען אז זייא זאלען צואהלען דיא טעקסעס פאר אינזערע ת״ת, אבער לײדער האבען זייא דעם פראמיס ניט אין גאנצען גיהאלטען, אין עס איז אזוי אדאריך גיגאנגען עטליכענע יאהר וואס זייא האבען ניט גיצואהלט קיין טעקסעס, אין מיר האבען פין דיזעם גאהר ניט גיוויסט

# אמיטינג אין שוהל

כד׳ ראשחדש אדר א׳ תרפט
1929 February 24.

נאטיס זאל גינעבין ווערין צו יעדען מעמבער וואס באלאנגט צו דער סיק פונד, אויב דער יעניגער וואס איז צריקשטײענדיק (3.) דריי מאנאטען דיוהס, איז ער ניט באריכטיגט צו דעם בעניפיט פין דעם סיק פונד עס איז באמערקט ווערין נאכדעם אמהל אז דער בעניפיט בעשטײט פין ,4 פיער דאלער אוואך. פערלויף פין ,6 זעקס וואכען אין א יאהר נישט מעהר. אויך איז גיגעבין געווארין א פרעזענט צו ברודער יחזקאל הערמאן, אין צו ברודער שעפטער פאר זײערע טיכטיגע אין גוטע ארבייט, ספעשיעל דעם יאהר (באמערקידיג) אז זייא האבען גימאכט דיא גאלעריע אין אויס סייט פין דער פראנט שוהל ניט פין שוהל [illegible]

## חג המצות | פסח אין שוהל | דאנערשטאג אחרון של פסח

גאנץ פסח האט אחזן גידאווענט מיט אקוויער אין שוהל גאנץ יוט׳ איז דער עולם געווען באגייסטערט פין זיין געשמאקען דאווינען אין אזוי וויא דיא תלמוד תורה איז געווען אין א שלעכטין צו שטאנדט אין פינאנץ אנגילעגענהייטין מען האט גימאכט א שטארקין אפיהל סיי צו דו מענער אין סיי צו פרויהן אז מען זאל מנדב פאר דער ת״ת, דער עולם האט באגייסטערט זיך אן גריפען אין עס איז ארײן גיקומען די סומע פין די נדרים % 100, דאלער ב׳ טריהוב האט זעהר באדאנקט דעם גאנצען עולם פאר זײערע גוטע איבערגעבנקייט צו דער ת״ת

# אמיטינג אין שוהל

אסרו חג שבועות

די שוהל האט גיפאסט אז עס זאל הײטיגן יאהר גימאכט ווערין דעם אײזינעם טויער צו אינזער סעמעטרי אין אללע נויטיגע זאכין וואס עס פאדערט זיך, אין עס איז ערוועלט געווארין אקומיטע זיך צו באשעפטיגען אין דיא אללע וויכטיגע ארבייט פין דער סעמיטרי

חברת תפארת ירושלים
CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
ציון
RUSSLAND

נ״פ ישראל ב״ר אליהו
עפשטיין כ״ז תשרי תרפט
October, 11. 1928,

## אַ פאַרקעהרטע וועלט.

דער מלבי"ם איז געווען געגען דעם מנהג, וואס
האט געהערשט אין אַ סאַך קהילות, אז ווען
מען האט פארבייגעטראגען, די תורה צום בימה
אויף לייענען, פלעגען די מתפללים אויסשטרעקען
די הענט, אנרירען מיט זיי די ספר תורה, און דער
נאָך קושען די אייגענע שפיצען־פינגער, איינמאל
איז דער מלבי"ם געקומען אין אַ שוהל. און
באמערקט, ווי אלע טוען אזוי, ···· דערווייל האט
ער אויך געהערט, ביים לייענען, ווי יעדער איז
מנדב, נאר לְפָנִים, דריי מאל אזוי פיל ווי אין
דער אמת'ן, האט דער מלבי"ם געזאגט: —
— עס זעהט מיר אויס, ביי אייך איז עפּעס
אַ פאַרקעהרטע וועלט: מען קושט מיט די
הענט, און מען זאגט מיט'ן מויל· —

## פורים וויץ

פון וואנען איז געדרונגען, אז אחשורוש איז געוועז
אַ טיפש? ווייל די מגילה דערציילט, אז אחשורוש
האט געמאכט אַ סעודה אין זיין גארטען, און
דער גארטען איז געווען געפלאסטערט מיט
דימענטען, פערלמוטער און טייערע שטיינער,
איז דאך אַ פראגע: — ווי אזוי האט אחשורוש,
ניט מורא געהאט אז צווישן אזוי פיל געסט
דארטן, וועט זיך ניט געפינען איינער אַ קליגער,
וואס וועט ארויסנעמען אַ שטיין און ארייַנלייגען
אין קעשענע? — איז דער תירוץ: —
"ווען אַ נאַר וואַרפט אריין אַ שטיין אין גארטן,
קאנען אים אפילו צען קליגע ניט ארויסנעמען
פון דארטען"... —

37 סט

# תרצ 1930,

**פרעזידענט קאוושאוו**

**גבאי יהואל סעקר׳ גרינשפאן**

קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים

ציון

1930, תרצ

אמיטינג איז גיהאלטין אין שוהל אין דער סעקרעטער האט גילײנט דעם פראטיקאל. דער פראטיקאל איז גוט גיהייסען גיווארין אפארשלאג איז גימאכט גיווארין אז קיין אפיסער איז ניט בארעכטעט אן צו האלטין זיין אמט ווען ער ווינט אין דער סיטה. אין דיא אלע וואס ווילען זיין אפיסערס מיזען זיין דא אין פלאץ. אלעס רעווערענד איז ערוועוועלט ב׳ ישראל כאהן צו באמערקין אז דיא שוהל האט גיהאט צו פיל אימבּעגליכקייטין פין דער ת״ת׳ דיא יוניטעט ת״ת׳ האט פארנאכלעסיגט דיא טעכּסעס פין אינזערע ת״ת׳. דיא טעכּסעס איז וואס איאהר גיווארין מעהר אין גרעסער. דיא שוהל אליין האט גימזט צואהלין דיא אינטערעס פאר דעם מארגיטש פין דער דער ת״ת׳ אין אסאך אנדערע עקספענסעס. אלעס פאר דער ת״ת׳ וואס עס איז געווען נויטיג.

# חברה קדישא

טו כסלו

עס איז גיפראוועט גיווארין דיא סעודה אין שוהל עס איז אויך איינגילאדין גיווארין אסאך געסט מען האט אויך ניט פאר געסין צו דער מאנען דיא פארשטארבינע מעמבּערס. דער עולם האט פיין פאבּראכט הן אין רחנוית הן אין גשמוית מיט פרייליכע הערצער האט מען זיך גיווישען אז די חברה קדישא זאלען ניט זיין ביזע זייער אפרייליכייר אין א ליסטיגער צערמאני איז גיווען חנוכה אלע מעמבּערס זיינען גיווען אין אלע האבען פיין פעבראכט

# דער טויער פין סעמיטירי

דער אפינינג פין טויער איז גיווען זונטאג כה׳ אלול AUGUST 21.

ב׳ סילינג אין ב׳ קאוושאוו אין ב׳ טריהוב זענען גיווען אין דער קומיטע צו מאכען דעם טויער. דער טויער איז גימאכט גיווארין, אין עס אוועק גישטעלט אין בעסטין ארדינינג. פין אויבען אויף דעם טויער, זענען דא אלע נעמען פין דיא חברה קדישא, אין אזוי ווי עס איז גיפאסט גיווארין אז מען זאל צווי (מאכען) מארמעל שטיינער אין פראנט פין טויער כדיי יעדערער זאל האבען דיא זְכִיָה אז זיין נאמען זאל שטיין פאר צייכענט. פאר שטייט זיך אז דיא נעמען זענען פאר קויפט גיווארין פָּאָקשען, מיט דעם געלד האט מען אב גיצוהלט דיא סעמיטירי קליער אין גאנצען

מ׳ זיסעל זלאטניקאוו האט גישענקט צווי הינדערט 200 דאלער פאר דעם טויער

עס איז קלעקטעט גיווארין 25 דאלער 400 דאלער

עקספענסעס 55 300 דאלער

CONGREGATION TIFERES JERUSALEM
קאנגרעגיישאן תפארת ירושלים
ציון
ROSSLAND

## אַ כשר'ער ספר

געקומען אמאל אַ מְחַבֵּר און געבראכט אַ ספר צו
רבי יצחק אלחנן זצ"ל, און געוואלט אַ הסכמה אויפ'ן
ספר, קוקט דער גאון אריין אי'ן ספר און מאכט אזוי
צום מחבר: "יאָ, אייער ספר איז כשר"!
קוקט דער מחבר פארוואנדעדט און פרעגט: - -
"וואס הייסט עס איז כשר? - איר מיינט מסתמא" גוט",
רבי? "- ענטפערט רבי יצחק: "איר ווייסט דאך דעם דין,
אז "נִקֵב הַקְרוּם של מח" אויב דאס הייטל (קרום) פון
מח איז געלעכערט. איז עס טריפה... אבער ווי איך זע
- - איז אייער ספר "גאנץ קרום" !....

## אזא סחורה איז ניטא ביי איהם אין סטאר

עס איז שוין געווען נאהענט צו די ימים נוראים און
חזן ק. האט נאך ניט געהאט קיין שוהל וואו צו דאווענען,
איז ער אומגעגאנגען אַ פארזארגטער און אזוי געהענדיג
אין גאס פארטראכטערהייט. האט ער זיך אפגעשטעלט
ביי אַ "פוירניטשור" סטאָר, - זעהט דער סטארקיפער,
אז אימיצער האט זיך אפגעשטעלט ביי זיין "שאוווינדאו"
און ער מיינט, אז ער האט דא אַ קאסטאמער, רופט ער
אריין דעם חזן אין סטאר און הויבט איהם אָן ווייזען זיין
סחורה, - דער חזן קוקט אלץ, אָן און שאקעלט מיט'ן קאפ:
- ניט דאס דארף איך. - זאגט ער אויף אלץ, וואס ער
זעהט דארט, - וואס דארפט איהר יאָ? - האט דער
סטארקיפער געפרעגט, - אַן עמוד צום דאווענען! -
האט דער חזן געענטפערט,

CONGREGATION

ע

| | | |
|---|---|---|
| גבאי הערמאן<br>יוזואל יכהן | 1931 תרצ"א<br>תפארת ירושלים | פרעזידענט<br>טריהוב |

